# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

**פרשת מקץ - חנוכה, ל כסליו תש"פ לפ"ק**
**שנה א' גליון י"ג**


**זמנים**
(Liberty)

הדלקת הנרות................................4:16
מוצאי שבת קודש...........................5:47

## א מעשה פון תפלה

### ראש ישיבה / די גאנצע שטעטל

ערב שבת האט זיך צובראכן איינע פון די ווענס פון די מוסד במילא איז נישט געווען קיין איין ווען גרייט צו קענען ארויספארן צום שטעטל אויף שבת, גלייך האט מען אנגעהויבן צו בעטן דעם אייבערשטן אז די ראש ישיבה זאל נאך יא קענען אנקומען אויף שבת, אזוי האט זיך געריקט די זייגער נאך א מינוט און נאך א מינוט, ביז די אייבערשטער האט געהאלפן אז מען האט געקענט שאפן א טעקסי וואס פארט פון די שטאט ביז'ן שטעטל און גלייך נאכדעם איז שוין אויך געווארן רעדי איינע פון די ווענס, אויפ'ן וועג איז געווען א גרויסע טרעפיק און ווייטער האט די גאנצע עולם צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א מתפלל געווען אז עס זאל זיך עפענען די טרעפיק און מען זאל אנקומען אין שטעטל אויף שבת און נישט דארפן בלייבן שטעקן ערגעץ אנדערש, און ברוך השם די אייבערשטער האט געהאלפן אז די ראש ישיבה מיט די גאנצע משפחה זענען אנגעקומען אין שטעטל אויף שבת און עס איז טאקע געווען א זעלטענע פרייליכע שבת וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען בעפאר.

### שבתי מזרחי

איך ארבעט שוין אין קאנסטראקשן ברום השם א היפשע פאר יאר עס האט מיר אבער געפעלט א גוטע סייט מענדעזשער וואס זאל באמת פארשטיין צו דעי ארבעט און נעמען די אחריות פון די ארבעט אינגאנצן, שוין א גוטע פאר יאר וואס איך בעט אלץ דעם אייבערשטן אויף דעם, און ברוך השם שכח אייבערשטער אז איך האב געטראפן דאס וואס איך האב געזיכט די לעצטע פאר יאר א זעלטענע געלונגענער אינגערמאן וואס איז געאייגענט ממש פאר דעם, און די אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין אויך ווייטער מיט הצלחה און סייעתא דשמיא.

### מודעה

**זמנים לשבת קודש**

מנחה עש"ק ............ 30 מינוט נאכ'ן זמן
דף גמרא ............ גלייך נאכ'ן דאווענען
פעולת הצדיק ............ 8:45
שחרית ............ 9:00
מנחה ושל"ס ............ 15 מינוט נאכ'ן זמן
אבות ובנים ............ גלייך נאך מעריב
דף גמרא ............ גלייך נאך אבות ובנים

## נייעס אין שטעטל

### שבת התוועדות – שבת סיום הש"ס

די קומענדיגע שבת פרשת ויגש הבעל"ט וועט זיין גאר א היסטארישע שבת פאר אלע אנשי שלומינו היכל הקודש ברסלב, ווי עס וועט פארקומען א גרויסע סיום הש"ס ברוב עם הדרת מלך צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין א ספעציעלע האטעל וואס עס איז אפגעדונגען געווארן פאר דעם צוועק, וואס אזא מעמד מאכט זיך נישט יעדן טאג, ובפרט איז עס א ספעציעלע שמחה פאר אונז דא אין שטעטל ווי **די גאנצע שטעטל לערנט יעדן טאג דעם דף גמרא**, ווי עס ווערט פארגעלערנט יעדע נאכט בטוב טעם ודעת דורך דעם מגיד שיעור הר"ר יוסף שניטצלער שליט"א, און אויב קומט מען נישט אן צום שיעור לערנט מען עס פאר זיך אינדערהיים אדער ווי אימער מען איז - אזוי ווי די ראש ישיבה שליט"א חזר'ט עס כסדר מיט אונז אז אפילו מען פארשטייט נישט די לערנען זאל מען לערנען דעם דף גמרא אן פארשטיין וואס דאס וועט מאכן אז מען זאל נישט פארפאסן קיין איין טאג פון לערנען.

עס איז ערווארטעט צו זיין א גאר דערהויבענע שבת ווי עס וועט געהערט ווערן התחזקות פאר די מענער צו לערנען יעדן טאג אויפ'ן רבינ'ס וועג ובפרט צו לערנען דעם דף גמרא יעדן טאג וואס אזוי ארום ענדיגט מען יעדע זיבן יאר נאכאמאל ש"ס, און עקסטער דרשות פאר די פרויען זיי זאלן מחזק זיין די מענער צו לערנען יעדן טאג, אזוי אויך וועט מען עקסטער געבן א שיעור פאר די קינדער צו לערנען דעם דף גמרא יעדן טאג, און דאס איז וואס בלייבט איבער צו מיטנעמען פאר יענע וועלט.

**הרחמן הוא ינחילנו ליום שכלו שבת ומנוחה.**

# שבת וישב מיט די ראש ישיבה שליט"א

**פרייטיג צונאכטס:** נאך קבלת שבת האט דער גבאי געוואלט אויסריפן וועגן די באטע, גלייך האט דער ראש ישיבה אויסגעריפן: "מורי ורבותי אונזער קהלה און אונזער חסידות איז נישט אנגעהאנגען אין קיין טישן, ווער עס וויל קומען צום באטע זאל קומען און ווער עס איז מיד זאל גיין שלאפן, און ווער עס וויל בלייבן פארברענגען אין שטוב מיט די ווייב זאל בלייבן אין שטוב". דער ראש ישיבה האט געזאגט הויך אויפן קול פארן גבאי: "מאך נישט אונזער קהלה אזוי ווי געוויסע קהלות וואס אויב מען קומט נישט צום טיש ווערט מען א מתנגד וכו'. דער ראש ישיבה האט געהייסן די יונגעלייט וואס ארבעטן שווער א גאנצע וואך און זיי קומען אהיים זייער שפעט ביינאכט זיי זאלן בלייבן אין שטוב מיט די ווייב און קינדער, ווייל אונזער קהלה און אונזער חסידות באשטייט פון האבן שלום בית און פארברענגען מיט די ווייב.

**דף גמרא שיעור פרייטיג צונאכטס:** מען האט פארגעלערנט דעם דף גמרא בטוב טעם ודעת, דערנאך האט די ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט פון די גרויסקייט פון הפצה, בפרט וואס ער האט יעצט צוגעזעהן אין ארץ ישראל מיט די אייגענע אויגן ווי טויזענטער מענטשן זענען זיך מחיה מיט די חיזוק וואס קומט ארויס פון ישיבה, ווי די ראש ישיבה האט פארציילט ווען איך בין אנגעקומען אין עירפארט איז געווען דארט זייער א לאנגע ליין און פלוצלינג קומט צו דארט איינע פון די ארבעטערס נישט קיין היימישער און רופט זיך אן "איר זענט הרב ראטה פון די חיזוק יומי? קום מיט מיר" ער האט מיר גלייך אריינגעלאזט. אזוי אויך ווען איך בין געווען ביי די חתונה אין בני ברק פון א תלמוד הישיבה יענקי ראטענבערג הי"ו איז צוגעקומען אן א שיעור אידן זיך באדאנקן פאר די חיזוקים וואס זיי האבן פון די דרשות, און אזוי אויך אין אנדערע פלעצער ווי איך בין געווען, במילא דארף יעדער זעהן עוסק צו זיין אין הפצה יעדער אויף זיין אויפן.

**שיעור פעולת הצדיק:** 1) די הייליגע רבי זאגט ווער עס איז פוגם אין ארץ ישראל פאלט אריין אין גלות, דאס הייסט אז ווער עס פאלט פון די אמונה פאלט ליידער אריין אין גלות, 2) אויך האט די רבי ארומגערעדט א שמועס די גרויסקייט פון דאווענען בכוונה, אינזין האבן די פירוש המילות, די ראש ישיבה האט ארומגערעדט פון דעם אז אויב מען קען נישט די טייטש פון דאווענען זאל מען דאווענען מיט א תפלה בכוונה סידור אזוי ווי ער פלעגט זיך פירן לאנגען יארן. 3) די הייליגע רבי האט איינמאל פאר פורים געזאגט אז עס איז דא דינים אויף אידן און אידן וועלן טאנצן און פאטשן וועט מען מבטל זיין מיט דעם אלע גזירות, און רבי נתן האט עס אפגעשריבן און די רבי רופט זיך אן "טאקע אזוי האב איך געזאגט"! נאך מיין חתונה פלעג איך גיין נאך געלט יעדע נאכט ביי חתונות מיט די מנהל שליט"א, אסאך מאל איז געווען זייער שווער צו ארויסגיין ביינאכט אבער אזוי ווי מען איז אריינגעקומען אין זאל און די מוזיק האט געארבעט האט זיך גלייך געטוישט די גיסטע און מען איז געווארן פריילעך און אויפגעלייגט. מען דארף זעהן עס זאל זיין פריילעך אין שטוב אנצינדן פריילעכע מוזיק און טאנצן מיט די קינדער.

**סיפורי מעשיות:** פארגעלערנט די ניינטע מעשה חכם מיט די תם ווי די תם איז נישט אנגעגאנגען צו די עולם האלט יא פון אים אדער נישט, אבער די חכם איז אלץ געווען פארנומען "וואס זאגט די עולם אויף מיר" מען האלט יא פון מיר אדער מען האלט נישט פון מיר, במילא איז ער שטענדיג געווען מיט יסורים, מען דארף אלץ וויסן און געדענקן אז די אייבערשטער איז דא במילא פאלט אוועק די גאנצע ענין "וואס די עולם זאגט", און צו בין איך ראוי צו לערנען מיט קינדער, בין איך ראוי פארצולערנען, און אזוי אויך האט מען נישט מורא צוצוגיין צום עמוד אפילו עס איז דא א גרויסע ציבור, ווייל די אייבערשטער איז דא און פאר אים דאווען איך און נאר אים דארף איך געפעלן.

**שלש סעודות:** די הייליגע רבי האט געזאגט מען זאל אים נישט נאכמאכן מיט דעם וואס ער גייט אלץ ארום ערנסט, עטץ זאלטס אלץ ארום גיין מיט א שמייכל און זיין פריילעך, אזוי אויך זאגט די רבי אז מען זאל זיך פריילעך מאכן אפילו במילו דשטותא, איינע פון די וועגן איז צו מאכן דזשאקס, במילא יעצט ווען די ראש ישיבה איז דא ביזטו פריילעך אבער ווען עס איז א גרינעם דינסטאג ביינאכט דארפסטו אויך זעהן זיך צו מאכן פריילעך און מאכן פריילעך אנדערע.

**דף שיעור נאך אבות ובנים:** מען האט פארגעלערנט דעם דף בבלי און ירושלמי בטוב טעם ודעת, דערנאך האט די ראש ישיבה ארום גערעדט פון די חשיבות פון לערנען יעדן טאג די דף גמרא, א אינגערמאן איז געזיצן אין די זייט און נישט מיטגעהאלטן דעם דף, האט אים די ראש ישיבה געזאגט; ווען מען זאל יעצט ווייזן א קליפ ווי טראמפ רעדט וואלסטו זיך אריינגעבויגן קוקן?! אויך האט מען ארום גערעדט פון חנוכה, וואס דארף מען אלץ טוהן חנוכה? איין זאך - מען דארף אנצינדן די מנורה! אלעס ארום ווי למשל וועלכע קנויטן - וועלכע מנורה - וועלכע פלאץ - וועלכע צייט טאר נישט מאכן פארגעסן פון די עיקר מצוה פון אנצינדן די מנורה מיט א שמחה און א געשמאק.

**מוצאי שבת שיעור פאר אברכים:** מוצאי שבת איז פארגעקומען א שיעור פאר די פרישע שנה ראשונה אינגעלייט וויאזוי מען זאל אנהייבן פירן די שטוב אויף די ריכטיגע יסודות אזוי ווי די רבי האט אונז געזאגט אז די יצר הרע פארלייגט זיך אויף די אינגע קאפעלס עס זאל זיין דארט קריגערייען.

HURLEYVILLE
LEASING
AUTO SALES & LEASING
845.720.0041
SALES@HURLEYVILLELEASING.COM